בעזהשי"ת

# פון רבי'נס קוואל

## ספירת העומר

געקליבענע מאמרים ארויסגענומען פון די ספרים פון הייליגן רבי'ן
- **נ**חל **נ**ובע **מ**קור **ח**כמה - רבינו **נחמן מברסלב** זי"ע

**חודש אייר**

תשע"ז

# אינהאלט

## א ליקוט פון מאמרים ערשינען אין די גליונות
## "פון רבי'נס קוואל"

**חלק א' - א בליק אין רבי'נס תורות**

די תורות פון ליקוטי מוהר"ן קאמבינירט מיט
די תפלות פון ספר ליקוטי תפלות

**חלק ב' - שמועסן פון רבי נתן זצ"ל**

ארויסגענומען פון ספר ליקוטי הלכות

**חלק ג' - בריוו פון התחזקות**

איבערגעטייטש פון ספר עלים לתרופה

פאר הערות, תיקונים, און הוספות, ווי אויך צו נעמען א טייל אין די הוצאות,
אדער זיך איינצושרייבן צו באקומען די גליונות "פון רבי'נס קוואל",

פארבינדט אייך צו; **breslov.kval@gmail.com**
אדער רופט (ארה"ק); **072-224-2982** (ארה"ב); **(718) 781-5030**

# ספירת העומר

## חלק א'

*א בליק אין רבי'נס תורות*

### די 'תשובה' פון השי"ת!

די 'ניין און פערציג טעג' פון ספירה, זענען אנטקעגן די ניין און פערציג 'שערי תשובה' - 'טויערן פון תשובה', וואס די 'טויערן' זענען די וועג וויאזוי זיך אומצוקערן צו השי"ת. און די 'פופציג'סטע טאג' - דער יו"ט שבועות - איז אנטקעגן די 'פופציג'סטע שער' פון תשובה, וואס דאס איז די תשובה פון השי"ת כביכול - ווי ער זעלבסט טוהט זיך אומקערן צו אונז, אזוי ווי דער פסוק זאגט (מלאכי ג' ז'); **'שובו אלי ואשובה אליכם!'** [- קערט אייך אום צו מיר, וועל איך זיך אומקערן צו אייך]. און אונזער ארבעט איז זיך מקדש ומטהר צו זיין אין די ניין און פערציג טעג פון ספירה, און עוסק זיין אין זיי בתשובה, דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין אין דעם הייליגן יו"ט שבועות אז דער אייבערשטער וועט זיך אומקערן צו אונז!

דער וועג צו קענען דערגרייכן די שערים פון תשובה - איז דורכ'ן זאגן תהלים, ווייל אין די קאפיטלעך פון תהלים ליגט דער כח פון דוד המלך עליו השלום, וואס ער האט זיי געזאגט מיט גרויס התעוררות און מיט רוח הקודש, אז יעדער איד קען זיך טרעפן דערין און זיך אויסגיסן מיט זיי דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן מיט אמת'ע תשובה, ביז עס וועט זיך עפענען פאר איהם די אלע ניין און פערציג שערי תשובה, אז ער זאל קענען זוכה זיין צום פופציג'סטן שער - אז דער אויבערשטער זעלבסט זאל אראפקומען צו איהם און איהם נאנט ברענגען צו זיך!

דעריבער איז זייער מסוגל מרבה צו זיין אין אמירת תהלים שטענדיג, איבערהויפט אין די ימי התשובה פון אלול און עשרת ימי תשובה אד"ג, און אזוי אויך אין די ימי הספירה, וואס דאן איז די צייט וואס מיר זענען עוסק אדורכצוגיין די אלע ניין און פערציג שערי תשובה, אויפ'ן וועג צו דערגרייכן דעם דערהויבענעם 'שער החמשים' פונעם יו"ט שבועות, וואס דאן זענען מיר זוכה אז דער אויבערשטער כביכול קומט אליין אראפ צו אונז, און איז אונז מקרב צו איהם מיט גרויס ליבשאפט!

(**ליקוטי מוהר"ן** תו' ע"ג תניינא - תהלים מסוגל לתשובה)

### *א הארציגע תפלה זוכה צו זיין צו תשובה שלימה, ובפרט אין די ימי הספירה.*

***רבונו של עולם, געדענק דיינע גרויסע חסדים וואס דו האסט אלץ געטוהן מיט אונז, האסט אונז ארויסגענומען פון מצרים מיט דיין שטארקע האנט, האסט אונז מגלה געווען די אמת'ע אמונה דורך די געוואלדיגע אותות ומופתים וואס דו האסט דאן געמאכט, האסט אונז דערנענטערט צו דיר אלץ אן הייליג פאלק, האסט אונז ארויסגענומען פון די 'ניין און פערציג שערי טומאה' און אונז אריינגעברענגט אין די 'ניין און פערציג שערי קדושה'. און אנטקעגן דעם האסטו אונז געהייסן ציילן די 'ניין און פערציג טעג פון ספירה' כדי מיר זאלן דורכדעם זיך רייניגן און ארויסגיין פון די***

***מ"ט שערי טומאה, אריינצוגיין אין די מ"ט שערי קדושה. דעריבער בעטן מיר פון דיר רבוש"ע מלא רחמים, העלף אונז מקיים צו זיין די מצוה פון ספירת העומר בקדושה גדולה און מיט אן התעוררות נפלא ונורא. מיר זאלן זוכה זיין זיך צו ערוועקן דורך די הייליגע מצוה - אז מיר זאלן זיך אומקערן צו דיר באמת און אויסרוימען אלע טומאות און שמוץ וואס איז אנגעקלעבט געווארן אין אונז דורך אונזערע שלעכטע מעשים.***

***רבוש"ע, העלף אונז מיט אלע מיני ישועות, דו ווייסט דאך די גרויסע כח פון יעדע מצוה וויאזוי עס קען אונז ארויסנעמען פון אלע מקומות ווי מיר זענען דארט פארפאלן געווארן בעוונותינו הרבים און אונז מקרב זיין צו דיר, ובפרט די מצוה פון ספירת העומר, וואס דאס איז די הכנה צו קבלת התורה, די אנהויב התקרבות פון אידישע קינדער צום טאט'ן אין הימל. העלף מיר איך זאל מקיים זיין די מצוה בתכלית השלימות וואס איז נאר מעגליך פאר אזא מענטש ווי מיר. און די זאלסט רחמנות האבן און מיר העלפן דורך דעם, מיר ארויסצונעמען גאר שנעל מטומאה לטהרה, מחול לקודש, מיגון לשמחה, משעבוד לגאולה, ומאפילה לאור גדול. ביז מיר וועלן זוכה זיין אין דעם הייליגן יו"ט שבועות, אז דו זאלסט זיך אומקערן צו אונז, און אונז עפענען דעם פופציגסטן שער און משפיע זיין פון דארט רחמים גדולים וחסד עליון, אויף א וועג אז מיר זאלן זוכה זיין מתקן צו זיין אלסדינג, און זיך אומקערן צו דיר באמת שטענדיג.***

***רבונו של עולם, אב הרחמן, העלף אז מיר זאלן זוכה זיין צו זאגן אסאך תהלים יעדן טאג, מיט גרויס התעוררות און מיט די גאנצע הארץ באמת, איך זאל גוט צולייגן מיין הארץ און אויערן צו די ווערטער וואס איך זאג ארויס מיט'ן מויל, איך זאל זיך טרעפן אין די הייליגע פסוקים פון תהלים וואס נעמען אריין אין זיך אלע נשמות ישראל פון אלע מדרגות אין די וועלט, פון די גאר העכסטע דרגא ביז די גאר נידריגסטע, אז אפילו די אראפגעפאלענע וואס זענען אינגאנצן דערווייטערט 'בתכלית הריחוק' קענען זיך טרעפן אינעם ספר תהלים, און יעדער איינער קען זיך מעורר זיין דאס הארץ זיך אומצוקערן צו דיר דורכ'ן זאגן תהלים, און צוקומען דורכדעם צו די פאסיגע שער פון תשובה וואס געהערט צו איהם פון די ניין און פערציג שערים וואס מיר דארפן דורך זיי תשובה טוהן פאר דיר. ביז מיר וועלן זוכה זיין דורכדעם אז דו אליין זאלסט זיך אומקערן צו אונז אינגאנצן, זיך מרחם צו זיין אויף אונז מיט דיינע פילע חסדים און אונז העלפן שטענדיג זיך צו דערנענטערן צו דיר - פון די אלע מקומות וואס מיר זענען דארט פארפאלן געווארן, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו תשובה שלימה תמיד.***

***מלא רחמים, העלף מיר מרבה צו זיין אין אמירת תהלים מיט גרויס כוונה ובהתעוררות נפלא, ביז איך וועל זוכה זיין אז זאלסט משפיע זיין אויף מיר כסדר אן הארה און ליכטיגקייט פון דעם 'שער החמשים' - די פופציגסטע שער פון קדושה, וואס נעמט אריין אין זיך אלע שערים פון קדושה. אויף א וועג אז דו זאלסט מיר ארויסנעמען שנעל פון אלע חמשים שערי טומאה און מיר אריינברענגען אין די חמשים שערי קדושה, ווייל מיר האבן נישט אויף וועמען זיך צו פארלאזן נאר אויף דיר - טאטע אין הימל. העלף מיר פון יעצט, העלף מיר מיט א ישועה שלימה אזוי ווי עס איז שיין פאר דיר, אז איך זאל זיך באנייען אינגאנצן, איך זאל איבערלאזן אינגאנצן מיינע שלעכטע דרכים און שלעכטע מחשבות, זיך מער נישט אומקערן צו די אלע נארישקייטן, "לב טהור ברא לי אלקים, ורוח נכון חדש בקרבי". איך זאל שוין שנעל זוכה זיין דורכ'ן זאגן תהלים אנצוקומען צו די טויער פון תשובה וואס איז שייך פאר מיר לויט מיין שורש נשמה, אויף א וועג אז איך זאל זיך אומקערן צו דיר באמת מיט די גאנצע הארץ, דיר צו דינען באמת, מיט פארכט און מיט ליבשאפט, בשמחה ובטוב לבב, "השיבנו ה' אליך ונשובה חדש ימינו כקדם", "השיבנו ואשובה כי אתה אלוקי", "יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה' צורי וגואלי", אמן ואמן.***

*(ארויסגענומען פון **ליקוטי תפלות** חלק ב' תפלה ל"ו, מיוסד על תו' ע"ג תניינא - תהלים מסוגל לתשובה)*

♦

אלעס וואס מענטשן רעדן אין די טעג פון ספירה, רעדן זיי נאר וועגן די ספירה פון יענעם טאג! און דער וואס פארשטייט דערצו - אויב הערט ער זיך גוט איין - קען ער באמת הערן וויאזוי אלעס וואס מ'רעדט האט צוטוהן מיט די ספירה פון יענעם טאג!

(**ליקוטי מוהר"ן** תו' קפ"ב - מה שהעולם מדברים בספירה)

♦ ♦ ♦

## חלק ב'

*שמועסן פון רבי נתן זצ"ל*

### נייע 'געצייג' פאר קבלת התורה

**עֹמֶר דָּא מְקָרְבִין יִשְׂרָאֵל בְּדַכְיוּתָא דִּלְהוֹן ... בְּהַהוּא זִמְנָא אֵשֶׁת חַיִל אִבְדִיקַת גַּרְמָהּ ...**
**וְאִשְׁתָּארוּ יִשְׂרָאֵל זַכָּאִין - בְּעָלְמָא דֵּין וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי**
(זוה"ק רע"מ פרשת אמור דף צ"ז ע"א)

די ליכטיגקייט פון השי"ת איז אן 'אור אין סוף' - אן 'ענדלאזע ליכטיגקייט', וואס לויט איר גרעניצלאזע גרויסקייט, וואלט נישט געווען קיין פלאץ עס זאל בכלל עקזיסטירן א וועלט מיט אלע אירע גשמיות'דיגקייטן, אבער דער רצון השם איז דאך יא געווען אז עס זאל זיין א וועלט, ווי עס זאל דוקא דארט אריינגעשיינט ווערן זיין הייליגע פארכטיגע ליכטיגקייט. דעריבער האט אונז דער אייבערשטער געגעבן די תורה הקדושה, וואס דורכדעם וואס מיר זענען מקיים די תורה ומצוות דא אויף דער וועלט, מיט אלע שווערע נסיונות פון עולם הזה, טוט דאס דינען אלץ 'כלים' און 'געצייג' צו קענען מקשר זיין די נידריגסטע ערטער פון די גשמיות'דיגע וועלט, מיט איר שורש - דעם 'אין סוף ברוך הוא'.

דאס איז די עבודה אין וואס מיר באשעפטיגן זיך אצינד אין די ימי הספירה, ווי מיר גרייטן זיך פיבערהאפטיג צו דעם בעפארשטייענדן יו"ט שבועות, די צייט פון קבלת התורה, וואס דער עיקר איז דאך - די קבלה פון 'קיום התורה', אזוי ווי חז"ל זאגן (אבות א' י"ז); **לא המדרש הוא העיקר - אלא 'המעשה'**. און דעמאלטס איז די צייט וואס עס איז אראפגעקומען אויף די וועלט א געוואלדיגע התגלות פון אן 'אור אין סוף', און אזוי ווי חז"ל שילדערן אז מ'האט עס טאקע נישט געקענט אריבערטראגן, די נשמות פון די אידישע קינדער זענען פשוט ארויסגעפלויגן פון גרויס פחד און מורא, ביז מ'האט געמוזט אראפברענגען א 'טל של תחיה' וואס זאל זיי אויפלעבן (זעה גמ' שבת דף פ"ח:). ווייל צוליב די מאסיווע ליכטיגקייט, איז נישט מעגליך פאר די וועלט צו דערהייבן אזא אור, און מ'מוז מאכן גאר אסאך 'תיקונים' און 'צמצומים' עס צו קענען אריינברענגען אין די וועלט, ווי דערמאנט.

דעריבער זענען מיר עוסק דערין אין די טעג - אנגעהויבן פון אויפצומארגנס נאכ'ן ערשטן טאג פסח, ווי מיר האבן אויך זוכה געווען צו א געוואלדיגע התגלות, און איז דאן תיכף צוגענומען געווארן פון אונז, וויבאלד עס איז נאכנישט געווען די צייט צו מאכן די אלע תיקונים וצמצומים, ווייל מיר האבן געמוזט ארויסגיין פון מצרים אין אן איילעניש, דעריבער דארפן מיר יעצט אנהייבן מתקן זיין די 'כלים' צו קענען אנהאלטן דעם גרויסן אור ביי אונז. און די אייגנשאפט פון אט די וואונדערליכע 'כלים' און 'געצייג' ליגט מרומז אין דעם קרבן 'עומר שעורים' וואס מיר זענען מקריב אין דעם טאג - די ערשטע טאג פון די ספירה. נעמליך, די קרבן פונעם 'עומר שעורים' איז מרמז אויף די קרבן מנחה וואס איז באשטימט פאר'ן ארימאן, וואס

ער קען זיך נישט ערלויבן צו ברענגען בהמות אדער עופות, און ער ברענגט נאר פשוט'ע מעהל, וואס דאס איז גאר שטארק באליבט ביי השי"ת (זעה רש"י ויקרא ב' אויפ'ן פסוק **'ונפש כי תקריב קרבן מנחה'**). דאס איז א רמז אז מיר זענען יעצט אויך ווי ארימעלייט ברוחניות, ווי דער מענטש געפונט זיך אין א מצב פון עניות און קטנות הדעת, און דער יצר הרע איז זיך מתגבר אויף איהם מיט פארשידענע שווערע תחבולות רח"ל, און מ'ווייסט ממש נישט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן, - ווער רעדט נאך אויב מען איז טאקע געפאלן ווי מ'איז געפאלן ח"ו, און דער מענטש דארף זיך געבן כאטש עפעס א שטיקעלע ריר פאר'ן אייבערשטן, א קרעכץ, א תפילה, פראבירן וויפיל ער קען כאטש יא, צו מינימוזירן די שטארקקייט פונעם בעל דבר רח"ל, א בחינה פון א 'קרבן מנחה' - אן 'ארימע קרבן' פאר השי"ת, דוקא דורך אזא סארט עבודה וואס ווערט געטוהן בשפלות ובקטנות, ווערן מתוקן די ריכטיגע 'כלים וצמצומים' צו קענען אריינשיינען די אור פון השי"ת אין די נידריגסטע און מגושמ'דיגסטע ערטער אין די וועלט, וואס דאס איז דאך די תכלית פון בריאת העולם.

און אזוי לויט דעם, זענען מיר ממשיך צו ציילן די ספירה לויט'ן קרבן עומר, אזוי ווי מיר זאגן **"היום ... לעומר"**, מיט דעם טוהען מיר מקשר יעדן טאג מיט אט דעם תיקון, ווייל יעדן טאג האט זיך זיין אייגנארטיגע מצב, און מען דארף אין יעדע פון די טעג מאכן 'כלים' אריינצוברענגען די אור פונעם אייבערשטן - לויט דעם היינטיגן מצב מיט זיינע נסיונות.

און דאס איז די טיפע באדייט פון וואס דער זוהר הקדוש זאגט (פרשת אמור דף צ"ז. רעיא מהימנא; **ואיהו בדיקו דאשת חיל וכו'**) אז די קרבן עומר איז א 'פראבע' אויף כלל ישראל צו זיי קענען טאקע מקבל זיין די תורה, דאס מיינט; די בחינה פון קרבן עומר, וואס דאס איז מרמז אויף די עבודת השם בשעת מ'געפונט זיך אין קטנות הדעת און אין חשכות רח"ל, און מען איז זיך פאַרט מחזק צו טוהן דאס ביסעלע וואס מ'קען יא. און אז מ'ווייסט און מ'פארשטייט דעם סוד ווי ווייט חשוב ביים אייבערשטן דאס איז - איז דאס דער סימן אז מען איז טאקע ראוי מקבל צו זיין די תורה, עס זאל ווערן אויסגעפירט דורך אונז די רצון השם אויף דער וועלט.

אויך זעהען מיר אז הארט בעפאר קבלת התורה זענען די אידן זייער שטרענג אנגעווארנט געווארן עטליכע מאל אויף די מצוה פון 'הגבלה' - אז מ'זאל זיך נישט דערוואגן צו צולויפן צום בארג און וועלן ארויפגיין מער ווי די ערלויבטע שטח, דאס איז אויך די אויבנדערמאנטע ענין פון די 'כלים' און 'צמצומים' וואס פעהלט זיך אויס פאר קבלת התורה, אז כאטש עס כאפט אמאל אן פאר א מענטש אן 'התלהבות' - א בחינה פון 'אור אין סוף', און דער מענטש וויל אריינכאפן צו טוהן גאר אסאך, דארף מען זיין זייער געווארנט נישט צו ווערן צופייערט מער ווי די מאס, אז ער זאל ח"ו נאכדעם אראפפאלן דערפון, נאר ער זאל וויסן אז נאך אלעמען דארף מען אויך קענען דינען דעם אייבערשטן אפילו אין א מצב פון 'קטנות', אריינצוכאפן קליינע נקודות טובות, און אין יעדן מצב זיך ציהען צו העכער'ס לויט זיין מעגליכקייט - אסאך צו ווייניג.

•

אזוי אויך, דאס וואס מיר געפונען אז אין די טעג פון ימי הספירה זענען נעבעך נסתלק געווארן די תלמידים פון רבי עקיבא, איז אויך צוליב דער ענין, ווייל דער הייליגער תנא רבי עקיבא איז דאך געווען גאר הויך און גרויס, אז משה רבינו האט גאר גע'טענה'ט אז די תורה זאל געגעבן ווערן דורך איהם (זעה גמ' מנחות דף כ"ט:). דעריבער איז דעמאלטס געווען א צייט וואס עס האט געדארפט נמשך ווערן אין די וועלט נייע אורות און חידושי תורה וואס זאלן דינען אלס נייע כלים צו קענען מער אריינברענגען דעם אור פון השי"ת, און מער ממשיך זיין די וועלט צו איר תיקון פון לעתיד לבוא. אבער צו דעם האט געמוזט הערשן אהבת חברים, ווייל דורך די צוזאמשטעל פון אלעמענס נקודות ווערן געשאפן די ריכטיגע כלים אז די אורות זאלן זיך קענען האלטן אין די וועלט, אזוי ווי מיר זעהען בעפאר מתן תורה אז די אידן זענען געווען **'כאיש אחד בלב אחד'** (זעה רש"י שמות י"ט ב' אויפ'ן פסוק **'ויחן שם ישראל'**). און וויבאלד ביי די תלמידים פון רבי עקיבא האט דאס געפעהלט, זיי האבן נישט

געהאט קיין אהבת ודיבוק חברים, דעריבער האבן נישט געקענט צושטאנד קומען די 'כלים' צו ענטהאלטן די גאר הויכע אורות פון זייער רבי'ן רבי עקיבא - דעריבער זענען זיי אויסגעגאנגען רח"ל. און דאס איז געווען דוקא אין די ימי הספירה וואס דעמאלטס איז די צייט וואס מען איז עוסק צו בויען די כלים וצמצומים פאר קבלת התורה.

און נאך זייער הסתלקות, האט טאקע געהערשט אין די וועלט א 'וויסטעניש', אזוי ווי חז"ל דרוקן זיך אויס (יבמות דף ס"ב: **'והיה העולם שמם'**), ווייל עס איז נעלם געווארן א וויכטיגע טייל פון די תורה וואס האט אויסגעפעהלט צו קענען צוברענגען די וועלט צום תיקון, ביז עס איז אנגעקומען דער תלמיד 'רבי שמעון בר יוחאי', וואס ער האט אפגעראטעוועט די וועלט דורכדעם וואס ער האט צוריק ממשיך געווען די הייליגע נייע אורות און תיקונים, אזוי ווי ער האט מגלה געווען די נייע חידושי תורה פון די ספרי הזוהר והתיקונים, וואס דורכדעם זענען פונדאסניי געשאפן געווארן פרישע דרכים און צמצומים וויאזוי אריינצושיינען די אור פון השי"ת ביי אלע אידישע קינדער, אזוי ווי זיין געראנטי; **חס ושלום שתשתכח תורה מישראל - שנאמר כי לא תשכח מפי זרעו!** (שבת קל"ח: - זעה אנהויב ליקוטי מוהר"ן מאמר **"לכו חזו וכו' סוד גדולת התנא רשב"י"**).

און דאס איז די גרויסע שמחה אין די טאג פון ל"ג בעומר, דער טאג פון די הסתלקות פון רבי שמעון, ווייל די גרויסע צדיקים - כאטש זיי ווערן נסתלק פון די וועלט - אבער דוקא דורכדעם גייען זיי ארויף העכער, און טוען כסדר ממשיך זיין נייע אורות און כלים צו קענען זיין מקושר צום אייבערשטן - יעדער איינער אין יעדן מצב, און אזוי ווי מיר זעהען אז אין יענעם טאג פון זיין הסתלקות האט ער מגלה געווען גאר הויכע סודות פון די 'אידרא זוטא קדישא', וואס דורכדעם - און דורך אלע סודות וואס ער האט ממשיך געווען אין זיין לעבן - האט ער מתקן געווען דאס וואס עס האבן פארפעהלט די תלמידים פון רבי עקיבא, און דורכדעם האט ער צוריק געברענגט די וועלט צו איר תיקון, ביז עס וועט עווענטועל צוגעברענגט ווערן צו די גאולה השלמה דורך אלע צדיקי הדורות ביז משיח, אזוי ווי עס שטייט (זוה"ק נשא דף קכ"ד:); **בהאי חיבורא דאיהו ספר הזוהר יפקון ביה מן גלותא!**

(**ליקוטי הלכות**, הל' תפלת המנחה ז', אות ל"ה - מ"ה, נ"ד - נ"ו)

♦

## די 'טיפע געשריי' ביי ספירת העומר!

וְאֶטָּהֵר וְאֶתְקַדֵּשׁ בִּקְדֻשָּׁה שֶׁל מַעְלָה וכו'
(מתפלת רבוש"ע אחר הספירה)

ווער עס קלערט אריין אין זיינע דרכים, און קוקט גוט אויפ'ן תכלית וואס עס וועט מיט איהם סוף כל סוף ווערן, זעהט ער וויאזוי דער יצר הרע טוהט כסדר לאָקערן אויף איהם און פראבירט איהם צו פארכאפן אין זיין נעץ מיט זיינע פארשידנארטיגע דרכים, און מ'דארף שטענדיג האבן קעגן איהם אסאך טיפע עצות און תחבולות וויאזוי ניצול צו ווערן פון איהם, אזוי ווי חז"ל זאגן (מסכת קידושין ל:) **יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ויום, ואלמלא הקדוש ברוך הוא עוזרו אינו יכול לו וכו'**.

דער וועג אנצוקומען צו אט די 'טיפע עצות' איז דורכ'ן אסאך שרייען צו השי"ת דערויף פון די טיפעניש פון הארץ, אזוי ווי עס שטייט (תהלים ק"ל א'); **ממעמקים קראתיך ה'**. און אזוי ווי מיר זעהען וויאזוי דוד המלך ע"ה שרייעט אזויפיל אינעם ספר תהלים איבער די הייליגע 'עצות'; **עד אנה אשית עצות בנפשי וכו'** (תהלים י"ג ג'), **בעצתך תנחני וכו'** (תהלים ע"ג כ"ד), **אברך את ה' אשר יעצני וכו'** (תהלים ט"ז ז') או"וו. וואס דאס אלעס גייט ארויף אויף אט די 'עצות' זוכה צו זיין ניצול צו ווערן פון וואס א איד דארף ניצול ווערן. און דורך די וויי-געשרייען פאר השי"ת באמת, איז מען זוכה ממשיך צו זיין אויף זיך די טיפע עצות וואס אויף זיי שטייט (משלי כ' ה'); **מים עמוקים עצה בלב איש, ואיש תבונה ידלנה!** - [אזוי ווי טיפע

וואסער'ן - ליגט די עצה באהאלטן אין הארץ פונעם מענטש, און דער קלוגער ווייסט וויאזוי זיי ארויסצושעפן!], **וויל די עצות ליגן באהאלטן ביי דעם גרויסן צדיק אמת אזוי ווי קוועלדיגע וואסער, און מ'דארף האבן שכל צו וויסן וויאזוי צו שעפן דערפון, און גניסן דערפון אויף א וועג אז מ'זאל קענען כסדר ביי יעדן מצב האבן די ריכטיגע 'עצה' און צוגאנג, און זוכה זיין דורך זיי צו די אמת'ע און אייביגע הצלחה!**

דאס איז דער ענין וואס מ'זעהט די הויכע געשרייען פון טיפן הארצן ביי ערליכע אידן בשעת'ן ספירה ציילן, דאס איז כדי זוכה צו זיין ממשיך צו זיין פון אט די טיפע עצות, מ'זאל קענען דורך זיי זיך מקדש ומטהר זיין פון די אנגעקלעבטע טומאות און זוהמות, אז מיר זאלן זיין ראוי מקבל צו זיין די תורה אין קומענדיגן יו"ט שבועות. ווייל די מצוות פון די תורה זעלבסט זענען דער שפיץ און שורש פון אט די אלע הייליגע עצות, אזוי ווי דער זוהר הקדוש רופט זיי אהן 'תרי"ג עצות' (פרשת יתרו דף פ"ב), ווייל זיי דינען אלס 'עצות' וויאזוי נאנט צו ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן. **און מיר זענען זוכה צו דערגרייכן צו די טיפקייט פון די עצות - דורך אונזער הכנה אין די ימי הספירה ווי מיר זענען עוסק צו שרייען צום אייבערשטן דערויף פון די טיפעניש פון הארץ!**

(הל' ראש חודש ו', אות ז')

♦

## די 'פּראָבע' אויף כלל ישראל פאר קבלת התורה

**וּסְפַרְתֶּם לָכֶם ... מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה וגו'**
(ויקרא כ"ג ט"ו)

אין די ימי הספירה רעכענען מיר די טעג זינט דעם "קרבן עומר" וואס מען האט מקריב געווען אין בית המקדש אינעם צווייטן טאג פון פסח, אזוי ווי מיר זאגן; **היום ... 'לעומר'**. דער זוהר הקדוש (פרשת אמור צ"ז. רעיא מהימנא) זאגט אויף דעם קרבן עומר אז דאס איז; **בדיקו דאשת חיל** - מיט דעם טוהט מען בודק זיין די 'אשת חיל' - 'כלל ישראל', עס זאל קלאר ווערן פאר אונז איר נאנטע קשר מיט'ן אייבערשטן.

דער ענין פון די בדיקה איז; ווייל ווען א איד וויל זיך נעמען אין די האנט אריין תשובה צו טוהן און זיך דערנענטערן צו השי"ת, קומט דער בעל דבר און טוהט איהם אָפּשוואַכן און איהם אריינווארפן אין יאוש. ער מאכט דעם מענטש ווערן פארצווייפלט זעהענדיג ווי שווער עס איז פאר איהם זיך צו דערהאלטן אין קדושה אזוי ווי עס דארף צו זיין, און ער ווייזט איהם ווי ער האלט אין איין דורכפאלן אפילו נאכן אנהייבן עטליכע מאל - אזוי ווי עס איז דער שטייגער ביי די וואס הייבן זיך אהן צו דערנענטערן צו השי"ת. ביז צוליב פארצווייפלונג לאזט ער זיך נאך, וואס דאן נעמט איבער דער יצר הרע די לייצעס איבער'ן מענטש, און פירט איהם אריין אין זיינע תאוות ח"ו. אבער דער אמת איז אז דאס איז אלס נישט מער ווי א פּאָפּעריי - מעשי בעל דבר, ווייל **"קיין יאוש איז גאר נישט פארהאנען"**, און אזוי דארף איבערגיין אויף יעדן מענטש וואס וויל זיך אנהייבן מקרב זיין צום אייבערשטן! און דאס זעלבסט איז זיין עיקר נסיון - אז מען פירט איהם דורך די אלע שווערע ירידות, און ער טאר גארנישט קוקן דערויף, נאר אנהייבן יעדן טאג פונדאסניי, און כסדר פארגעסן וואס איז אלץ געווען, און טראכטן כאילו ער ווערט היינט געבוירן, און אזוי ווי עס איז מבואר די פארשידענע הייליגע עצות אין רבי'נס ספרים וויאזוי זיך כסדר מחזק צו זיין און מחדש צו זיין!

דעריבער נאך פסח - די צייט ווען די אידן גייען ארויס פון טומאת מצרים און גרייטן זיך צו קבלת התורה - צו ווערן די אויסדערוועלטע פאלק פון השי"ת, וויל זיי דער אייבערשטער בודק זיין - ער וויל זיי אויספּרוּאוון אויב זיי וועלן זיך האלטן מיט איהם געטריי, און זיך נישט לאזן ווערן אראפּגעווארפן דורך די אלע תחבולות פונעם יצר הרע, דעריבער איז דער אייבערשטער זיי בודק מיט דעם קרבן פון די 'עומר שעורים' - 'גערשטן', וואס דאס איז א מאכל בהמה, מרמז צו

זיין אויף די אלע חטאים און דורכפעלער פונעם מענטש וואס ער האט זיך געפירט ווי א בהמה - אהן שכל (זעה מס' סוטה י"ד.), אזוי ווי עס שטייט (שם ג.); **אין אדם עובר עברה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות**. און מען טוהט דאס מקריב פאר א קרבן, אונז צו לערנען אז אפילו בשעת די אלע ירידות דארף מען זיך אויך האלטן נאנט צו השי"ת און זיך נישט לאזן ווערן אראפגעפאלן ביי זיך. און דוקא מיט זיי טוהט מען רעכענען די אלע טעג פון ספירה ביז קבלת התורה, וואס במשך די אלע טעג גייט דאך איבער אויפ'ן מענטש אלע מיני מצבים פון עליות און ירידות, אבער יעדע טאג באזונדער ווערט געציילט און גערעכנט, און אויף יעדן טאג דערמאנט מען אלץ דעם "עומר", מרמז צו זיין אז ווי מען זאל נאר נישט זיין - אפילו אין די גרעסטע ירידות - בחינת 'בהמה' - זאל מען זיך אלץ דערהאלטן, און נאכאמאל אנהייבן מיט התחדשות יעדן איינציגן טאג. דורכדעם ווערן מיר אויסגעפראוווט פאר'ן אייבערשטן, אז מיר זאלן טאקע קענען זוכה זיין אין שבועות צו א קבלת התורה באמת פונדאסניי און זיך שטענדיג קענען דערהאלטן דערין!

(הל' פסח ט', אות כ' כ"א)

♦

## די הכנה צו קבלת התורה; 'בענקען'!

יעדער מענטש וואס וויל זוכה זיין צו סיי וואספארא דרגא אין עבודת השם, דארף ער זיך קודם מעורר זיין דאס הארץ צו בענקען דערצו, ער זאל גלוסטן אין משתוקק זיין זוכה צו זיין צו אט די זאך, (אזוי ווי עס איז מבואר אין ליקוטי מוהר"ן תו' ל"א - אית לן בירא בדברא). אויך דארף ער ארויסברענגען זיינע בענקענישן מיט זיין מויל - מתפלל זיין און זיך מתבודד זיין דערויף. דורך דעם ווערן אויסגעשטעלט די אותיות התורה פון אט די זאך וואס ער וויל זוכה זיין דערצו, אויף אזא וועג אז ער זאל קענען זוכה זיין דערצו אויף אן ערליכן גוטן וועג.

אזוי אויך - דאס וואס כלל ישראל האט זוכה געווען אינעם הייליגן יו"ט שבועות צו קבלת התורה איז געווען דורך דעם צוגאנג, ווייל אין פסח, בשעת די אנהויב התקרבות צום באשעפער, בשעת זיי זענען ארויס פון מצרים, האבן זיי דאך נאכנישט געהאט קיין שום מצוות, זיי האבן נאכנישט געוואוסט ווי אזוי איהם צו דינען און וואס זיי דארפן טוהן, האבן זיי דאן נאר עוסק געווען אין 'כיסופים והשתוקקות דקדושה' צום אויבערשטן, און דורכדעם איז געווארן אויסגעשטעלט די אותיות פון די תורה הקדושה וואס זיי האבן דערנאך זוכה געווען עס מקבל צו זיין אין דעם קומענדיגן שבועות.

און דאס איז אונזער עבודה פון ספירה, צו בענקען און משתוקק זיין זוכה צו זיין צו קבלת התורה, און מיר ציילן די טעג און די וואכן אזוי ווי איינער וואס וויל שוין אנקומען צו עפעס אן אויסגעבענקטע זאך. **און דאס איז וואס מיר זעהען אז בשעת'ן ציילן ספירה איז דא א גרויסע התעוררות און עס הערשט א געוואלדיגע בענקשאפט צום אויבערשטן, ווייל דאס איז דער גאנצער ענין פון די מצוה פון ספירת העומר, אז מיר זאגן ארויס מיט'ן מויל די השתוקקות וכיסופין דקדושה, און מיט דעם ווערן אויסגעשטעלט די אותיות התורה מיר זאלן עס קענען מקבל זיין אין שבועות פונדאסניי!**

און די זאך איז שייך פאר יעדן מענטש שטענדיג, ווייל מען דארף אייביג מקבל זיין די תורה פונדאסניי, אזוי ווי חז"ל דרש'ענען דעם פסוק (דברים ו' ו', פסיקתא זוטא); **אשר אנכי מצוך היום - 'בכל יום יהיו בעיניך כחדשים'** [- יעדן טאג זאל זיין ביי דיר די תורה ווי 'ניי']. און דער עיקר קבלת התורה איז - מען זאל זוכה זיין 'מקיים' צו זיין וואס עס שטייט אין די תורה. דעריבער, סיי וועלכע איד וואס וויל טאקע זוכה זיין דערצו; ער וויל מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים פונדאסניי, ער וויל באנייען זיינע טעג וואס זענען פארביי אין פינסטערניש, און וויל פון יעצט אריינגיין אין תורה ועבודה באמת, דארף ער וויסן

**אז מען קען נישט אנדערש זוכה זיין דערצו - נאר דורך 'השתוקקות וכיסופין דקדושה', ער זאל זיך געוואוינען צו בענקען און גלוסטן און ארויסזאגן מיט די מויל; ווען וועל איך שוין זוכה זיין מקורב צו ווערן צו השי"ת באמת?! ווען וועל איך שוין זוכה זיין ארויסצוגיין פון מיין נידריגע דרגא און אריינגיין אין די טויערן פון קדושה און זיך אומקערן צו השי"ת?!** דורכדעם וועט ער זוכה זיין צו די בחינה פון זיין 'קבלת התורה', עס וועט איהם ערפולט ווערן זיין באגער זוכה צו זיין מקיים צו זיין אלעס וואס ס'שטייט אין די הייליגע תורה - יעדער איינער לויט וויאזוי ער האט געבענקט דערצו!

(הל' דם א')

♦

## זיך 'לאזן' ווערן נאכגעצויגן פון השי"ת!

אין די וועלט איז פאראנען א 'כח המושך' ווי אלעס טוהט זיך נאטורליך צוציהען צום אייבערשטן, יעדער וויל נכלל ווערן אין זיין שורש שבקדושה. קעגן דעם איז אבער פאראן א קעגנזייטיגע כח - א 'כח המכריח', דאס איז דער גוף מיט אלע זיינע תאוות, וואס ציהט צו די פארקערטע דערפון. אט די מלחמה צווישן די כח המושך - די נשמה, מיט די כח המכריח - דער גוף, דאס האלט אזוי אן במשך די גאנצע לעבן, ווי דער מענטש דארף כסדר מגביר זיין די כח פון די נשמה איבער'ן גוף, און איבערדרייען דעם גוף עס זאל אויך ווערן נאכגעצויגן נאך די כח המושך פון די נשמה.

אבער דער 'כח המכריח' האט באמת אויך א ציל אויף דער וועלט, ווייל אויב עס וואלט נאר עקזיסטירט די כח המושך, וואלטן אלע צוגעצויגן געווארן צום אייבערשטן אן קיין שום גרעניץ, און עס וואלט נישט געקענט עקזיסטירן קיין וועלט בכלל, דעריבער האט דער אייבערשטער באשאפן דעם מענטש אין א גוף - א כח המכריח, אבער די ענדגילטיגע ציל איז; אז דער גוף זאל אויך מיטגעצויגן ווערן מיט די כח המושך פון די נשמה, אזוי ווי עס איז געווען בעפאר די חטא אדם הראשון, ווי דער גוף איז געווען אזוי אויסגעלייטערט אז ער האט געקענט אריינגיין אין גן עדן מיט די לעבעדיגע גוף צוזאמען, ווייל די גוף איז געווארן ווי א טייל פון די נשמה, נאר צוליב די חטא עץ הדעת איז אריינגעברענגט געווארן א 'זוהמא' [- א גיפט] אינעם גוף, און עס איז נישט מעגליך איר איבערצודרייען אינגאנצן צו די כח הנשמה, דעריבער מוז דער מענטש נסתלק ווערן, ווי דער גוף ווערט באערדיגט און צוגייט דארט אונטער דער ערד, דורכדעם ווערט עס אויסגעלייטערט, אז ביי תחיית המתים זאל עס קענען פון פריש צוזאמגעשטעלט ווערן מיט די נשמה, און קענען אינאיינעם געניסן פון די זיסקייט פון עולם הבא - לויט וויפיל ער האט זיך אויסגעארבעט דעם גוף נאך זייענדיג אויף דער וועלט.

דער יום טוב שבועות - די טאג פון קבלת התורה - איז א צייט וואס עס קומט אראפ א גרויסע אור פון דעם 'כח המושך' אויף דער וועלט, ווייל די תורה הקדושה דאס איז דאך דער וועג דורך וואס מען ווערט נמשך און דבוק צום אייבערשטן, און אזוי ווי מיר זעהען טאקע אז דער אייבערשטער האט געדארפט ספעציעל אָנוואָרענען די אידן זיך נישט צו דערנענטערן צום בארג מער ווי די ערלויבטע מאס, צוליב די מאסיווע כח המושך וואס האט דעמאלטס געשיינט. און דאן ביי קבלת התורה האבן זיי זוכה געווען אז אפילו די כח המכריח איז אינגאנצן אויסגעלייטערט געווארן, אזוי ווי עס וועט זיין לעתיד לבוא, ווי די גופים וועלן זוכה זיין צוזאמען מיט די נשמה צו געניסן פון די תענוג עולם הבא ווי דערמאנט. און אזוי ווי חז"ל זאגן טאקע (שבת דף קמ"ו.); **ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן!** און אזוי ווי די גמרא ברענגט (שם דף פ"ח:) אז דער אייבערשטער האט דאן אראפגענידערט א **'טל של תחיית המתים'!** ווייל די אידן האבן זוכה געווען ממתיק צו זיין די גופניות'דיגע כח

המכריח, אז ס'זאל ווערן אינגאנצן איבערגעדרייט און נאכגעצויגן צום אייבערשטן.

אזוי אויך זענען מיר זוכה - יעדעס יאר - צו אט דעם אור פון מתן תורה, ווי די כח המכריח ווערט אויך א כלי און א טייל פון די כח המושך, דער גוף ווערט אויך באלויכטן מיט די אור הנשמה, א בחינה פון 'תחיית המתים', און אזוי ווי מיר פירן זיך אלץ זכר דערצו - אויפצוזיין די נאכט פון שבועות, ווייל די שלאף איז א בחינה פון 'מיתה' (ברכות דף נ"ז: **השינה אחד מששים למיתה**), און אויך איז די עצם געברויך פון שלאף צוליב די שטענדיגע קריג צווישן די כח המושך און כח המכריח, וואס די נשמה ווערט זייער אונטערדריקט פונעם גוף, דעריבער דארף מען לייגן דעם גוף שלאפן, ווי דעמאלט רוהט ער פון אלע זיינע תאוות און יאָגענישן פון דער וועלט, און די נשמה קען ארויפגיין אין הימל און זיך באנייען מיט פרישע כוחות. אבער ווען עס קומט שבועות, די צייט פון קבלת התורה, דעמאלטס זענען מיר זוכה צו אזא אור אז אפילו די גוף ווערט באלויכטן פון די נשמה, א בחינה אזוי ווי עס וועט זיין ביי תחיית המתים, דעריבער פעלט נישט אויס קיין שלאף פאר'ן מענטש, נאר מיר זענען עוסק בתורה א גאנצע נאכט!

און צו אט דאס אלעס זענען מיר זוכה נאך וואס מיר גרייטן זיך דורכ'ן ציילן ערליך די טעג פון ספירת העומר, וואס דאס איז אויך א בחינה פון א 'כח המכריח', ווי מען ציילט די טעג צו מאכן א גרעניץ אויף יעדע זאך - אין זיין טאג און אין זיין צייט, און דורך די ספירה טוהט מען מתקן זיין די כח המכריח, אז ס'זאל ווערן איבערגעדרייט און דינען אלס א מיטל צו קענען ווערן נאכגעצויגן נאך די כח המושך מיט א ריכטיגע מאס.

אזוי אויך ציילט מען די טעג צום 'קרבן עומר', וואס איז געווען פון 'גערשטן' - א מאכל פון בהמות, דאס איז מרמז אויף דעם כח המכריח וואס נעמט זיך פון 'חסרון הדעת', אזוי ווי א בהמה ח"ו, ווי מען געבט זיך נאך די תאוות אָן צו טראכטן פונעם אייביגן תכלית, און אזוי ווי חז"ל זאגן (סוטה ג.) **אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות!** אזוי אויך - איז מען צוליב די 'חסרון הדעת' נישט געגוג שטארק מיט די אמונה, און עס טוהט בייפאלן קשיות און בלבולים אויף השי"ת און אויף צדיקי אמת ח"ו. און די עצה דערויף איז - ממתיק צו זיין די כח המכריח דורך זיין אייגענע שורש; מ'זאל אנערקענען דאס אליין אז מ'איז אזוי נידריג און פארגרעבט רח"ל, און כאטש וויסן דאס אז מ'ווייסט נישט און מ'פארשטייט גארנישט, א בחינה אזוי ווי עס שטייט (תהלים ע"ג כ"ב); **ואני בער ולא אדע - בהמות הייתי עמך!** און דורכ'ן אנערקענען די אייגענע מצב, ווערט נמתק אט די כח המכריח, און מען איז זוכה אז עס זאל אריינגעשיינט ווערן אין איהם די ליכטיגקייט פון די כח המושך דקדושה, עס זאל מיטשלעפן מיט זיך דעם גוף - די שורש פון די כח המכריח, און צוזאמען נאכלויפן דעם אייבערשטן און אינאיינעם זיך מדבק זיין אין איהם באמת ובתמימות!

(הל' חזקת מטלטלין ד', אות ד' - ו', י"א)

♦

## ניין און פערציג 'גאנצע' טעג!

שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה
(ויקרא כ"ג ט"ו)

די פשוט'ע כוונה פון די מצוה פון ספירת העומר איז - אז דער מענטש דארף וויסן אז זיינע טעג זענען געציילט און עס ווערט גענומען אין חשבון יעדן איינציגן טאג, און קיין איין טאג און אפילו איין שעה און איין רגע גייט נישט לבטלה ח"ו. און דאס איז די בחינה וואס עס שטייט ביי ספירת העומר; **שבע שבתות 'תמימות' תהיינה** [- זיבן וואכן וואס זאלן זיין 'גאנץ'], זיי זאלן זיין 'גאנץ' און 'בשלימות' מיט עבודת השם, און קיין איין רגע זאל נישט גיין לאיבוד ח"ו, און דאס גייט אויך

ארויף אויף אלע לעבנס-טעג פונעם מענטש, וואס זיי זענען מרמז אויף אט די 'זיבן וואכן'.

דעריבער דארף א מענטש שטענדיג וויסן ביי זיך, אז דער יעצטיגער טאג וועט ער מער נישט האבן זיין גאנץ לעבן, און ער זאל נישט אפשטופן זיין עבודת השם פון איין טאג אויפ'ן אנדערן, ווייל דער אנדערער טאג איז שוין איינגאנצן אן אנדערע זאך, און הלואי זאל ער קענען דעמאלטס באצאהלן די חוב פון יענעם טאג אליין. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן סי' רע"ב) אויפ'ן פסוק (תהלים צ"ה ז'); **'היום' אם בקולו תשמעו** [- 'היינט', אויב וועט איר צוהערן צו זיין קול], אז די עיקר עבודה פון דעם וואס וויל זיך צוהערן צו די קול פון השי"ת און זיך באהעפטן אין איהם - איז; **'היום'** - 'היינט'! אזוי ווי עס שטייט (דברים ו' ו'); **אשר אנכי מצוך 'היום'**, דעם 'דאזיגן טאג' דווקא.

וועגן דעם, אויב א מענטש וויל תשובה טוהן און עוסק זיין אין עבודת השם באמת, און עס קומען איהם ארויף בלבולים ווי עס דאכט זיך איהם יעדן טאג אז היינט קען ער 'בשום אופן' נישט דינען השי"ת. צום ביישפיל; ער קען נישט היינט דאווענען ווי געהעריג - זאל ער זיך כאטש משתדל זיין צו טוהן אן אנדערע עבודה, ער זאל היינט לערנען מער, אדער עוסק זיין אין גמילות חסדים אד"ג, אדער זאגן תחינות ובקשות און התבודדות פאר השי"ת אד"ג. **ווייל דער אויבערשטער האט אונז מזכה געווען מיט אסאך מצוות און מיר האבן ברוך השם מיט וואס זיך מחי' צו זיין יעדן טאג!**

•

פון די צווייטע זייט, איז דער ענין פון **'היום'** אויך מרמז - אז כאטש מען דארף זיך שטענדיג מזרז זיין אין עבודת השי"ת, מיט-דעם-אלעם דארף מען אבער אויך אסאך ווארטן און זיין געדולדיג ביז מען וועט זוכה אז די עבודה זאל זיין בשלימות אזוי ווי עס דארף צו זיין. דעריבער, אפילו אויב מען איז נאך ווייט פון די אמת'ע עבודת השם, זאל מען זיך מחי' זיין אינצווישן מיט וואס נאר מען קען; אמאל מיט תורה, אמאל מיט תפלה, מיט התבודדות ושיחה בינו לבין קונו, שמועסן אין עבודת השם מיט א חבר אדער רבי, טוהן א מצוה וגמילות חסד, און אמאל מיט 'רצון' אליין - די בענקשאפט און די השתוקקות - וואס דאס איז דאך דער עיקר, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט - אז דער עיקר עבודת השם איז די 'רצון'! (זעה שיחות הר"ן אות נ"א).

אזוי ווי מיר געפונען די זעלבע זאך ביי די גאולה כללית, וואס מען דארף דאך יעדן טאג וויינען און בעטן פון השי"ת ער זאל צואיילן אונזער גאולה תיכף ומיד, ווייל מיר קענען מער נישט אויסהאלטן, דאך - אז מען זעהט אז די גלות פארלענגערט זיך, דארף מען ווארטן נאך און נאך. אזוי אויך ביי די גאולה פרטית פון יעדן מענטש, אז כאטש מען דארף אסאך וויינען פאר השי"ת און בעטן אויף זיך ער זאל אויסגעלייזט ווערן פון די תאוות עולם הזה והבליו, אבער אויב מען זעהט אז די זאך פארזוימט זיך, דארף מען האפן און ווארטן מיט אסאך געדולד. און אפילו אויב מיר אליין זענען שולדיג דערין, ווייל מיר פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, מיט-דעם-אלעם, ווי לאנג מיר קוקן ארויס און האפן צו דעם אויבערשטנס הילף, וועט דורכדעם אליין דער אויבערשטער רחמנות האבן אויף אונז, און ער וועט אונז מקרב זיין צו זיין עבודה באמת, און אלעס וועט נתהפך ווערן לטובה!

דאס אלעס איז אויך מרומז אין די ענין פון 'ספירת העומר', ווי מען זעהט אויך דארטן אז מיר ווארטן קוים אויף קבלת התורה, און מיר ציילן געלאסן די טעג ביז עס וועט אנקומען די ריכטיגע מינוט, און ביזדערווייל פראבירן מיר אויסצונוצן די טעג לויט אונזער מעגליכקייט, מיט סיי וואס מען קען, אז די טעג זאלן זיין 'גאנץ' מיט עבודת השם ווי אויבנדערמאנט.

און מען דארף זיך גאר שטארק מחזק זיין אין די זאך, ווייל צוליב די גרויסע התגברות הבעל דבר, בפרט אויף דער וואס וויל אריינגיין אין עבודת השם, קען דער יצר הרע איהם מבלבל זיין ח"ו און זאגן; **וואס האסטו דערפון וואס דו נעמסט כסדר אין חשבון דיינע טעג און טראכסט שטענדיג אויף דיין תכלית, זעהסט דאך אז די טוהסט גארנישט אויף - צו זיין באמת אזוי ווי דער אויבערשטער וויל?!** אבער אויב טראכט מען אריין מיט אן אמת לאמתו דארף מען זאגן צו זיך;

**טא אויב אזוי, זאל איך וועגן דעם אינגאנצן אויפהערן אויסצורעכענען מיינע טעג?! עס וועט דאך סיי ווי אנקומען מיין סוף און איך וועל מוזן אפגעבן דין וחשבון אויף יעדן איינציגן טאג! ממילא ווי אזוי עס זאל נאר זיין - דארף איך מיר האלטן ביי מיינס און האפן צו ישועת השם, און ביזדערווייל וועל איך ארייכנאפן אין עבודת ד' יעדן טאג וויפיל איך קען, אויב נישט אסאך - דאן כאטש וויניג!!**

דורך דעם וועג טוהט מען ממשיך זיין דעם ענין פון 'ספירה' אויף א גאנץ יאר, ווייל אזוי וועט זיך דער מענטש קענען כסדר נעמען אין חשבון זיינע טעג, און ארייכנאפן וויפיל ס'איז שייך. און דאן וועט ער זיכער זוכה זיין אנצוקומען צו די טאג פון די ישועה, מקורב צו ווערן צו השי"ת אינגאנצן!

(הל' פקדון ד', אות ה' - י')

♦

## אלע אידן זענען צדיקים!???

**כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא, שֶׁנֶּאֱמַר וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים וגו'** (סנהדרין ריש פרק חלק)

אין די וואכן פון ספירה גרייטן מיר זיך צו קבלת התורה - יעדעס יאר פונדאסניי, ווייל כאטש מיר האבן שוין מקבל געווען די תורה אויפ'ן בארג סיני, טוהען מיר אבער אין יעדן דור מקבל זיין נייע עצות און דרכים וויאזוי צו קענען 'מקיים זיין' און איינהאלטן אט די 'אלטע תורה' וואס מיר האבן מקבל געווען אויפ'ן בארג סיני, וואס דאס מוז מען מקבל זיין אין יעדן דור פונדאסניי - לויט די התגברות היצר פון יעדן דור, וואס ער וויל אונז כסדר מאכן פארגעסן די תורה ח"ו. דעריבער מוזן מיר צוקומען צו נייע טיפזיניגע עצות און דרכים וואס ווערן נתגלה דורך די צדיקים פון יעדן דור, דורכדעם קענען מיר איינהאלטן די תורה שטענדיג.

צוליב דעם פירט מען זיך אין די שבתים פון די ימי הספירה עוסק צו זיין אין די פרקים פון 'מסכת אבות' אלס הכנה צו קבלת התורה, ווייל זיי זענען דאך מיוסד אויף די מוסר און עצות וואס די הייליגע תנאים האבן מגלה געווען פאר אונז, וואס דורך זיי קענען מיר זיך האלטן מיט די תורה הקדושה!

אויך איז דאס דער טעם וואס די מסכתא הייבט זיך אהן מיט די סדר הקבלה; **משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וכו'**. וואס מיר געפונען נישט אזוינס ביי די אנדערע מסכתות וואס רעדן זיך אויך פון דיני התורה וואס זענען מקובל פון משה מסיני. ווייל ביי די מסכתא וואס רעדט זיך פון די מוסר און עצות וויאזוי 'מקיים' צו זיין די תורה, דארף דאס קלאר ערוועגט ווערן אז צו דעם מוז מען צוקומען דירעקט צום צדיק פון דעם דור, וואס ער האט מקבל געווען די הייליגע עצות פון די צדיקים פון די פריערדיגע דורות פון מויל צו אויער ביז משה רבינו, און דוקא דער צדיק 'קען' און 'ווייסט' וויאזוי אונז אויסצולערנען און אונז קלארצושטעלן אט די טיפע דרכים וויאזוי צוצוברענגען די מענטשן צו קיום התורה - יעדן דור פונדאסניי!

אויך פירט מען זיך מקדים צו זיין די פרקי אבות מיט די משנה פון; **כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא וכו'**! (מסכת סנהדרין פרק חלק משנה א'). ווייל בשעת מ'לערנט די אלע מוסר און שטראף רייד פון פרקי אבות דארף מען אויך וויסן - אז דאס זענען נישט געזאגט געווארן כדי אונז מרחק צו זיין ח"ו, אז מיר זאלן ווערן אראפגעפאלן און אראפגעקלאפט זעהענדיג ווי ווייט מיר זענען פון די אלע הייליגע מדרגות. נאר דאס אלעס איז געזאגט געווארן כדי אונז צו דערהייבן און מאכן נענטער צום אייבערשטן, ווייל מיר זענען באמת 'גוט', און 'אלע אלע' האבן א חלק אין עולם הבא, און אזוי ווי מ'זאגט דארט **ועמך 'כולם' צדיקים!** און כאטש אויסערליך קוקט עס נישט אויס אזוי, בפרט אז ס'איז פאראן אזעלכע וואס זענען ליידער גאר ווייט דערפון, לערנט אונז אבער דער תנא אז אין יעדן איד איז זיכער יא פאראנען א בחינת 'צדיק', נאר מ'דארף עס אויפזוכן און מגלה זיין! און דאס איז וואס די צדיקים טוהען פאר

אונז דורך זייערע עצות און מוסר - מגלה צו זיין דעם 'טוב' וואס ס'איז זיכער פאראהאנען אין יעדן איד! און דעריבער זאגן טאקע חז"ל אז איינער וואס איז מבזה תלמידי חכמים, האט נישט קיין חלק אין עולם הבא (סנהדרין צ"ט:), ווייל וויבאלד ער קריגט אויפ'ן צדיק און שיידט זיך אפ פון אט די וואס זענען עוסק אויסצוטרעפן ביי יעדן איד זיין טיפע נקודה טובה, דעריבער בלייבט ער שטעקן אין זיין פינסטערניש, און פארלירט זיין חלק אין עולם הבא רח"ל. דאגעגן ווער עס איז זיך מקרב צו צדיקי אמת, לויט וויפיל ער איז זיך מקרב - געבט ער זיך מער א שאנס צו ווערן מער באלויכטן דורכ'ן צדיק, אז ס'זאל מער נתגלה ווערן אין איהם דאס פינטעלע 'צדיק' וואס ס'איז פאראהאנען ביי איהם!

•

און דאס איז וואס די ערשטע משנה זאגט; **הוו מתונים בדין, והעמידו תלמידים הרבה, ועשו סיג לתורה**. ווייל דאס איז דער יסוד פון קיום התורה ביי כלל ישראל אין אלע דורות, אז די ערשטע זאך איז; **הוו מתונים בדין** - אז מ'דארף זיין געלאסן בעפארן אורטיילן א צווייטן איד, מ'זאל זיין געווארנט נישט מרחק צו זיין יענעם מער ווי מ'דארף, נאר אדרבה - פראבירן צו טרעפן ביי איהם גוטע נקודות וואס דורכדעם קען מען איהם איבערדרייען און אריינברענגען אין די צד הקדושה, אזוי ווי דער הייליגער רבי איז מגלה אין ליקוטי מוהר"ן תו' רפ"ב אויפ'ן פסוק '**אזמרה לאלקי בעודי**'. און דורכדעם; **והעמידו תלמידים הרבה**, ווייל דורכ'ן טרעפן גוט'ס ביי יעדן מענטש, קען מען צוציהען צו זיך מער נפשות און אוועקשטעלן אסאך תלמידים וואס זאלן גיין אינעם הייליגן דרך פון עבודת השם לויט די עצות הקדושות וואס די צדיקי הדור זענען מגלה.

דערנאך פירט ער אויס; **ועשו סייג לתורה**, ווייל אט דער אויבנדערמאנטער דרך איז דער דויערהאפטיגער 'סייג' און 'גדר' אז די תורה זאל ווערן איינגעהאלטן ביי אידישע קינדער, ווייל אז מ'קוקט אויף יעדן איד מיט א גוט אויג קען מען אזוי אריינברענגען פיהל אידן תחת כנפי השכינה, זיי זאלן זיך פירן אויפ'ן ערליכן תורה'דיגן וועג!

(הל' נזיקין ד', אות כ"א כ"ב כ"ג)

## ספר המדות

### ספירת העומר

**א.** דורך ספירת העומר ווערט מען ניצול פון גירוש.

**ב.** אין די ימי עומר דארף מען זיין מער געווארנט צו גיין אין מקוה ווען מען דארף [ט"ק].

**ג.** אין ספירת העומר קען מען מכניע זיין א מסור. א סימן; **לָעֹמֶר** - איז ראשי תיבות; '**מֵ**אִיגְרָא **רָ**מָא **לְ**בִירָא **עַ**מִיקְתָא' [- פונעם הויכ'ן דאך צו א טיפע גרוב (ע"פ לשון הגמ' חגיגה ה:)].

♦ ♦ ♦

# חלק ג'

*בריוון פון התחזקות*

***בעזהשי"ת, יום ה', כ"ג למספר בני ישראל תר"א, אומאן***

*פרידן און לעבן צו מיין באליבט קינד הרבני וכו' מוה"ר יצחק נרו יאיר, מיט די גאנצע הויזגעזינד שיחיו:*

. . . אט איז שוין אריבער נאנט צו האלב פון די ימי הספירה. **דער 'נותן התורה' זאל זיך מרחם זיין אויף אונז אז מיר זאלן זוכה זיין - כאטש פון יעצט - זיך צו גרייטן צו קבלת התורה פונדאסניי,** אין דעם הייליגן פופציגסטן טאג הבא עלינו לטובה, אויף א וועג אז מיר זאלן זוכה זיין צו היטן און מקיים זיין אלע רייד פון די תורה מיט ליבשאפט . . .

*די רייד פון דיין טאט'ן וואס קוקט ארויס אויף דיין אמת'ע ישועה*

***נתן מברסלב***

✉

***ב"ה, יום ד' י"א לספירת העומר תר"ג, ברסלב***

*פיל פרידן, לעבן, און ברכה, צו מיין לעבן פריינד, הוותיק הרבני המופלג וכו', מוה"ר **אפרים** נרו יאיר, פאר איהם און פאר די גאנצע משפחה חיים ושלום ועושר וכבוד וכל טוב לנצח אמן.*

. . . די טעג פון פסח זענען שוין אדורך בשלום ובשמחה, אויך זענען מיר שוין אריבער דעם ים בשלום (- שביעי של פסח), און עס איז שוין אדורך עלף טעג פון די ימי הספירה פון דעם יאר תר"ג אינעם אלף הששי פון די וועלט באשאף, און אט קומען שוין צו גיין די הייליגע טעג פון שבועות! הלוואי זאלן מיר טאקע זוכה זיין - **פון יעצט - צו ציילן ספירת העומר מיט כוונה אזוי ווי עס דארף צו זיין, אויף א וועג אז מיר זאלן זוכה זיין זיך צו מטהר זיין** - יעדער איינער פון זיינע טומאה און זוהמה, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די 'יראה' און 'אימה' און די גרויסע 'מורא' פון מתן תורה, אז עס זאל מקויים ווערן ביי אונז אויך דעם פסוק (שמות כ' י"ז); **לבעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו!** [- עס זאל זיין די מורא פון השי"ת אויף אייך - אז איר זאלט נישט זינדיגן] . . .

*די רייד פון אייער ליבהאבער באמת לנצח, און בעהט אויף אייך*

***נתן מברסלב***

♦ ♦ ♦

## ~ חודש אייר ~

'חודש אייר' איז די צייט וואס די ערד טוהט געבן איר קראפט פאר אלע ביימער און געוואוקסן, און דאן הייבן זיי אן צו בליהען און שפראצן. דערפאר איז דעמאלטס פאראהאן א גרעסערע כח אין אלע געוואוקסן פון דער ערד. אזוי אויך די 'רפואות' וואס מ'נעמט אין דעם חודש האבן א שטערקערע השפעה צו היילן בעסער! (אזוי ווי עס איז אויך באקאנט ביי די אלגעמיינע וויסנשאפטלער, אז דער מאָנאַט פון 'מאַי' למספרם איז גוט פאר רפואות).

אויך איז מסוגל אין דעם חודש מבטל צו זיין פון זיך מחלוקת, אז די שונאים זאלן שלום מאכן מיט איהם, א רמז; '**אייר**' איז ראשי תיבות (תהילים ו' י"א); "**א**ויבי **י**שובו **י**בושו **ר**גע" [- מיינע פיינט וועלן זיך אומקערן צו זיין בשלום מיט מיר, זיי וועלן זיך פארשעמען אין א קורצע צייט]. אויך איז דער חודש מסוגל צו פרנסה, ווייל די אלע זאכן; רפואה, שלום און פרנסה זענען אפהענגיג איינס אין אנדערן, (זעה ליקוטי מוהר"ן אינעווייניג).

(**ליקוטי מוהר"ן** תו' רע"ז)

***רבוש"ע, טוה בענטשן די פרוכט פון די ערד מיט דיין פיל רחמנות, און גיב כח אין די אלע געוואוקסן פון די ערד זיי זאלן אויסהיילן אלע קרענק און ווייטאגן פון דיין פאלק - די אידישע קינדער, ובפרט אין 'חודש אייר', וואס דעמאלטס שפראצן און בליהען אלע געוואוקסן פון די ערד. דערבארעם זיך אויף אונז אז מיר זאלן נישט דארפן עוסק זיין חס ושלום מיט קיין שום דאקטוירים אין די וועלט, נאר זאלסט בענטשן די געוואוקסן פון די ערד און משפיע זיין אין זיי א כח אז זיי זאלן קענען אויסהיילן אלע קרענק. און זאלסט שנעל ברענגען א רפואה שלימה אויף אלע אונזערע ווייטאגן און וואונדן*** *(ובפרט צו פלוני בן פלונית)*, ***ווייל דו ביסט דאך דער פארלעסליכער דאקטער, און מיר פארלאזן זיך נישט אויף קיין שום רפואה פון די דאקטוירים, נאר אויף דיר - בורא רפואות. 'רפאינו ד' ונרפא הושיענו וניושעה כי תהלתינו אתה'.***

***און זאלסט אונז אפהיטן און ראטעווען מיט דיין פיהל רחמנות פון ארימקייט, דלות, און חסרון הפרנסה. און זאלסט ממשיך זיין שלום אויף די וועלט, און אלע אונזערע פיינט זאלן פארשעמט ווערן און פאלן אונטער אונז. ווייל דו ווייסט דאך אז איך זוך נאר שלום און אמת, און וואס זאל איך טוהן אז עס געפונען זיך שונאים און קריגן אויף מיר אומזינסט, 'אני שלום וכי אדבר המה למלחמה'. מלא רחמים, דערבארעם זיך און טוה שוינען, אויף אונז - און אויף אלע וואס ווילן זיך דערנענטערן צו די וועגן פון קדושה מיט אמת, וואס עס דערוועקט זיך אויף זיי שונאי חנם, און רודפ'ן זיי מיט פארשידענע מיני רדיפות. האב רחמנות אויף זיי און אויף אונז - פאר דיינעט וועגן, און טוה אונז ראטעווען פון זיי, 'הצילנו מאויבי אלקי, ממתקוממי תשגבנו. שמרה נפשי והצילנו, אל אבוש כי חסיתי בך'. יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה' צורי וגואלי. עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן.***

*(ארויסגענומען פון* ***לקוטי תפלות*** *ק"ז, מיוסד על תו' רע"ז)*

♦ ♦ ♦